פינאנץ טריהב
טרעזש׳ פאסאצקי

1916
April. 22.

# פרעזעדענט נעבאק
# גבאי טאוויזשנייסקי

# תרע״ו
יט ר״ח ניסן

סעקרעטער קאושאו
# מיטינג

אבריכט איז אב געגעבין געווארין אז חזן גרינבערג האט גידאווענט פסח אין שוהל מיט אקווייער אין עס איז
געווען זייער גוט, אין אזוי וויא עס איז ניט געווען קיין שמש, ווייל אינזערער געוועזענער שמש איז נפטר
געווארין. איז גרינבערג געווארין חזן אין שמש אין שול אויף א יאהר פרייז 200. דאלער, אדעלעגשין פין דער
שול חברים כל ישראל איז ערשיינען אין לאדין איין דיא קאנגריגיישאן תפארת ירושלים צו נעמען אייטהייל
אין דעם חנוכת הארון הקודש וואס עס שטאטפינדען אין 26. אפריל אויך איז גיפאסט געווארין אז מען
זאל מאכען א גרויסע טאבעלע אין אויף שרייביין אלע מעמבערס זייערע נעמען. כסדר אזוי לויט ווען
ער איז געווארין אין דער שול אמעמבער אין דיא טאבעלע אויף הענגען אויף דיא וואנט ברודער
יחואל הערמאן האט זיך אינטער גינימען צו מאכען דיא טאבעלע אלעס דענעשין פאר דיא שול

# איין ספעשיל מיטינג
יח׳ ר״ח אייר ל״ג בעומר
May. 21.
ציון
# איז אב געהאלטין אין שוהל

אבריכט אז דיא שול האט געשיקט אקומיטע צו דער שול חברים כל ישראל איין איינטיל צו
נעמען אין זייערע שמחה פין דעם באניאונג דעם ארון הקודש, באשלאסען געווארין דאס דיא נעמען
פין דיא געוועזענע מעמבערס וואס האבין זיך ארויס גימופט פין פאפינו פאר זייערה גוטע ארבייט פאר
דער קאנגריגיישין זאל מען זייא איינשרייבין **אין פינקס** אפארשלאג פין ב׳ פאסאצקי אין געשיטיץ
פין דע גאנצער מאדשאריטע אז מען זאל איין פיקסען אין שול עלעקטריק אין פלאמבינג.
דיא סיק בענעפיט קאמיטע פין דער שול באריכטעט אז דער סיק פאנד ווערט זיך עפינען נאך
דיא יומים טובים דאס הייסט נאך סוכות, אין אזוי וויא עס פארשרייבין זיך נאך מעמבערס אין דער
סיק בענעפיט מיז יעדערער איינער אמבאדינג אדארך פאסען דעם דאקטער (דאקטער טעסי)
אויך איז גיפאסט געווארין אז דיא שול זאל מאכען איין אנטערנעמינג (קאנצערט בל״עז)
אויף גינימען אמעמבער נעטין וואלאווסקי, אין דוד זלאטניקאוו

קאנגריגיישאן תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

נעשה ע׳ יחואל כ״ץ

קאנגריגיישאן תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

## מיט אַ צרה איילט מען זיך ניט

אַ חסיד איז געפאהרען צום רבין אויף שבת, האט זיך אבער געמאכט אַן עיקוב אונטערוועגענס און ער איז ערשט אנגעקומען זונטאג, קומט ער אריין צום רבין און דערצעהלט וואס עס איז מיט איהם פארגעקומען, — זאגט צו איהם דער רבי: — תשעה באב האט זיך אמאהל באקלאגט פאר'ן אויבערשטען, פאר וואס עפעס, אז עס פאלט אסתר-תענית אום שבת פאסט מען דעם דאנערטאג פריהער, ?— אז עס פאלט יום כפור אום שבת האלט מען איהם אין זעלבען טאג, — אבער אז עס פאלט, תשעה באב, שבת, מאכט מען אַ נדחה. זונטאג, האט דער אויבערשטער איהם געענטפערט, אז מיט אזא גאסט ווי תשעה באב איילט מען זיך ניט און ער איז געגוג זונטאג אויך:

## מען דארף גלויבען אין נסים

ברוך — וואס געהט איהר אום, אזוי פארזארגט, יאנקעל. ? יאנקעל — עס איז דאך עפעס ערב פסח אויף דער וועלט, און עס שפאלט זיך מיר דער מח, וואו מען נעמט געלט אויף יום טוב. ברוך — נו, אז עס האט זיך אמאל געקענט שפאלטען דער ים, מעג זיך דאך שפאלטען דער מח. יאנקעל — אט דערפאר גלויב איך טאקע אין נסים

79

מ׳

# פרעזעדענט נעבאך אין שוהל

[illegible]

## שנת תרעו

1916 June 17.

טז ר״ח סיון

## א מיטינג

שנת חמשת אלפים ושש מאות ושבעים ושש

איז אב גיהאלטין גיווארין אין׳ שול, דיא פראגע פין צו מאכען דיא עלעקטריק אין פלמבינג אין שול,
אין עס איז גלייך גיפאסט גיווארין אז מען זאל איין פיקסען אלעקטריק אין פלאמבינג, אין עס זאל זיין פארטיג
איוף יום-טובים אויך איז גיפאסט גיווארין אז ווען דיא ארבייט וועט זיין פארטיג אל דיא שול מאכען
אַ קאנצערט, 25 סענט אַ טיקעט, אַ דאביל 45, ס׳, 10. פערצענט וועט גיין פאר דיא מלחמה ליידענדע
ב׳ נעבאך דער פרעזעדענט. אין קאוושאוו, אין טריהוב, זענען אין קאמיטע מיט פול פאהער צו
פאר האנדלין אין צו פינעשין אין דיא אנגילעגענהייטין פין אלעקטריק אין פלאמבינג.

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

כג סיון פרשת קרח
June 24.

## א זשענעראל מיטינג

איז אב גיהאלטען גיווארין, ב׳ נעבאך
האט באריכטעט אז עס איז געווען אסאך טענדעס אן צו נעמין דיא ארבייט לאהט דעם פלאאן
וואס מען [האט] זיי אנגעגעבין, עס איז געווען פערשידענע פרייזיס. מ׳ ראזענצווייג אבעוויסטער
לעקטרישין מאן, האט אן גינומין דעם קאנטראקט פרייז, 500. דאלער ער דארף אלעס אויס
פארנישען, אתם מיט אַ פלאמבער איז אויך גיפינישט גיווארין, עס איז געווען א פארשלאג אז מען
זאל טעכסין יעדען מעמבער מיט 10. דאלער, ב׳ שעפטיר האט גימאכט א מענדימענט אז
יעדערער מעמבער זאל פרייא ווילינג געבען וויפעל זיין הארץ וועט גליסטען אין אזוי איז טַאכי גיבליבין
פרייא ווילינג, אין דיא סומע געלד איז באשפין גיווארין דארך פערשידענע מיטלען מ׳ גרינבערג
דער חזן האט זיך אינטער גינימען אדארך צו פיהרען דעם קאנצערט אין אינזערע שוהל,

א׳ ר״ח תמוז July 2.

(אמיטינג) דער מיטינג ווערט ניט
גיפירט אין גוטען ארדינינג וויל דיא

## אבריכט

עלעקטרישינס אין דיא פלאמבערס זענען זעהר ביזעה מיט זעהרע ארבייט, אז אויף שבת
נחמו וועט זיין אלעס פארטיג דיא אלעקטריק, אין דיא פלאמבינג קומפליטלי דער חזן גרייט
זיך שוין צו אלעס וואס עס איז נויטיג צום קונצערט. אז עס זאל זיין וואס שעהנער אין וואס בעסער

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

יחול הערמאן

## אַן עם הארץ דארף מען געבען אזא תּירוץ

צו אַ ישוב׳ניק, אַן עם הארץ, איז אמאל פארפארען
אַ לומדישער אורח, האט דער ישוב׳ניק געוואלט וויזען
אז ער פארשטעהט זיך אין די שווארצע פינטעלעך,
האט ער דעם אורח געשטעלט אזא קלאָץ קשיא:
— אין חומש שטעהט "בֶּרַע מלך סדום„, אז דער
קעניג פון סדום האט געהייסען "ברע„ הײנט ווי קומט
עס וואס אין סידור שטעהט גאר "מלח סדומית רבע„
(דער זאלץ פון סדום אַ פערטעל), וואס ווייזט אז
דער "מלך„ פון סדום האט גאר געהייסען "רבע„
און ניט „ברע" ווי אין חומש?
זעהענדיג מיט וועמען ער האט דא צו טאָן,
ענטפערט איהם דער אורח אזוי: — וואס פארשטעהט
איהר ניט? ווען סדום האט זיך איבערגעקעהרט,
האט זיך אויך איבערגעקעהרט דער נאמען פון
קעניג, פון "ברע" איז געווארען „רבע" —
די זעלביגע אותיות נאר איבערגעקעהרט...

## זאל ער געהן צו איך דער וואס האט מיך געשיקט

אַ ארעמאן איז געקומען צום גביר און געבעטען אַ
נדבה, איז דער גביר אנגעפאלען אויף איהם מיט
קלולות און זלזולים און איהם געוויזען די טיר, —
איך האב עס כשר פארדינט, — וואס האב איך
געדארפט געהן צו איך, זאגט דער ארימאן ביים
אוועקגעהן, — זאל ער בעסער אליין קומען צו איך,
דער וואס האט מיך געשיקט, — דער גביר איז נאך
געווארען מעהר אנגעצונדען און געשריען: —
— איך וויל דאס טאקע וויסען, ווער האט עס געהאט
די העזה צו שיקען אייך צו מיר. — — דער דלות-
— ענטפערט קורץ דער ארימאן —.

פ׳ נעבאך

גבאי טאוויזשנייסקי

תפארת ירושלים

שנת תרע״ו

1916 July 13,

שבת

זונטאג יד רח אב

טרעזשעט פאסאצקי

# ליכטיג

# ליהודים פין תפארת ירושלים
# היתה אורה ושמחה אין שוהל

תפארת ירושלים דראסלאנד CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ציון ROSSLAND

די׳א שול איז איבערגעפיהלט מיט מענשען מענער פרויען אין קינדער, יעדער עינער מיט נייגעריגע בליקען אנגיזווענדעט מיט נייגעריגקייט, נעמליך ווייל היינט איז איין דאפעלטע פאסירינג, דער קאנצערט פין חזן גרינבערג מיט איין גרויסען קוויער, אין צווייטען די׳א אפישיעל סערעמאני צו אהנצינדען די׳א עלעקטרישע בעלייכטענג וועלכעס מען האט ערשט קאמפליטעט, עס פערשטעיט זיך אז דער נייגעריגקייט נעמט זיך דער פין, וואס פורלויפיג איז אין שול טינקעל, מען קאן זאגען פינסטערלאך. אין אויך איר זענט, ווען עס איז ערווארטעט עפעס אין דער פינסטער קאנט איר האבען איין בעגריף וואס פאר איין עקסייטעמענט דאס איז, די׳א אראנדזשעמנט קאמיטעט וועלכע איז בעשטאנען פין די׳א אפיסעערם פין שוהל האבען אזוי איינגעפיקסט איין קאמביניישען אז דורך איין סיגנאל פין עפיינעם פין דער קאמיטע זאל מען אקוועטש גיבען איין סוויטש, זאל זיך אנצינדען די׳א גאנצע עלעקטרישה בעלייכטינג פין שוהל אין אויך דער חזן זאל אין דעם זעלבען אויגענבליק אנפיינגען זיין קאנצערט אין צו עפענען דעם סוויטש האט מען אפגיגעבען דעם כבוד אינזערען איין מעמבער מ׳ר׳ יצחק מאלקעוויטש אין וויא דורך איין כישעף איז אין איין אויגענבליק אינער-ווארטעטער-הייד פין אלע אנוועזענדע אין די׳א שול בעלויכטען גיווארען מיט העללע עלעקטרישע פייערען, אין דער זעלבער צייט האט דער חזן גרינבערג מיט זיין קוויער אנגעפיינגען די׳א בעוויסטע תפלה מה טבו אהליך יעקב משכנותיך ישראל

איין ארטיסט פאטאגראפער האט זיך געמעלדען אין פארגילעיגט צו מאכען פאטאגראפס פין אללע אנוועזענד פרייא אהנע קיינע טשארזעס

כ״א רח׳ אב

July, 20.

אמיטינג איז אב גיהאלטען גיווארען אין שול. אין עס איז גיפאסט גיווארען אז ב׳ מארקאוויטש זאל זיין בעל שחרית פריין 25 דאלער, גרינבערג בעל מוסף מיט אקוויער, באריכטעט אז די׳א תלמוד תורה גייט אן אין בעסטען ארדינינג, מען עווארטעט צו מאכען איינעם בנין

## ווען שוין יאָ, איז גלײַכער צוויי

פאר ברוך דעם חסיד איז שוין קיין אנדער מיטעל
ניט געבליבען, אז נאר דער רבי אליין זאל איהם
פארוועהרען טרינקען בראנפען, און אזוי איז געווען:
דער רבי האט גוזר געווען, אז ער זאל מעהר ניט
טרונקען, און ברוך האט געפאלגט, קיין טראפען צום
מויל ניט גענומען; - עס אריבער אַ קורצע צייט,
האט ברוך דער חסיד גענומען דאַרען, עס איז
איהם אפגענומען געווארען דער אפעטיט, און ער
האט גאנצע נעכט מיט אַן אויג ניט געקענט צו
מאכען; - האט מען גרופען אַ דאקטאר, האט
דער דאקטאר איהם באטראכט און געזוגט -!-
- עס איז ניטא קיין מיטעל; ער מוז צוריק אנהויבען
טרינקען. - איך וועל ניט טרינקען - האט ברוך
זיך געשפארט - דעם רבי'ס פארזאג איז ביי מיר
הייליג, איך וועל שטארבען און ניט עובר זיין:..
- דאס איז גארנישט. - האט געזאגט דער דאקטער
- פקוח נפש איז דוחה דעם רבי'ס פארזאג, אויב
דו וועסט ניט טרינקען, וועט מען דיך נויטען,
צוויי וועלען דיך האלטען פאר די הענט און די
פוס, און איינער וועט דיך אנטרינקען, - - -
האט ברוך אַ טראכט געטהאן און געזאגט: !
הער דאקטער ! וויבאלד שוין אלץ איינס נויטען,
אפשר וועט מיך איינער צוהאלטען, און צוויי
זאלען מיך אנטרינקען ?....

## לערען זיך פון אַ גנב

דער ר' (רבי) בונם פון פשיסכע האט געזאגט אז א מענש
ביים דינען גאט ברוך הוא, דארף זיך אפלערנען
דריי זאכען פון אַ גנב, - דהיינו ? - האבען זיינע
חסידים געפרעגט מיט ערשטוינונג, ; - - -
- ערשטענס - האט דער רבי ערקלערט, איז אַ גנב ניט
פויל, אז עס מאכט זיך איהם "א שטיקעל מלאכה"
איז ער תיכף גרייט צו לויפען אין דער פינסטערסטער נאכט
נישט אפשרעקענדיג זיך פאר קיין שום זאך אין דער וועלט
אין היצען און אין קעלט, צווייטענס, אויב דאס ערשטע
מאל איז ער ניט מצליח, פרובט ער אַ צווייטען, און אַ
דריטען מאל. - דריטענס ביים גנב, ווען ער פיהרט דורך
אַ גנבה איז ניט קיין חילוק, צו דער קלענסטע זאך
באציהט ער זיך מיט דער זעלבער איבערגעבענהייט ווי צו
דער וויכטיגעזאך, - -

טרעזשורער מאיר פיסאצקי

טאוויזשנ״ גבאי

# פרעזעדענט

## יוסף נעבאק

כ״ה ראש חודש תשרי

סעקרעט׳ ישראל קאהן

# אמיטינג אין שוהל

אבריכט אז די׳א ימים טובים זענען אין שהול געווען און גיהערשט מעהר אַחדות ווי׳א אלע מאהל, אין ספעשי׳ל
שמחת תורה האבין אלע ברודער זעהר פיין פאבראכט, די׳א קאמיטע פין קאנצערט באריכטעט אז עס
איז גיבליבען ריינעם פראפיט 75, דאלער. אביסעל טראביל פין פאטאגראפער. דער פאטאגראפיסט
האט גיבראכט איין סאמפיל אין מען האט עקסעפטעט, האט עהר זיך גיהייסין באצולן פאר הינדערעט
100 פיקטשערס ניט וויינגער 50. דאלער, פארשטייט זיך אז די׳א שול האט אבזשעקטעט. עס איז גיווארען
אַ גישיכטע מיט לאיערס, אין מיט קאמיטעס אין מיט טראביל, האט מען גיצעטילט פאר 30. דאלער
אין עס איז גיפאסט גיווארין אז יעדער וואס ער שטייט אויף די׳א פיקטשע מיז אימבעדינג נעמען



אפיקטשע פרייז 50, סענט
אויך איז באשלאסין גיווארין
אז מען זאל מאכין אַ ליסטע
פין די׳א מעמבערס וויפעל יעדער
איינער האט בייגישטייערט צו
די׳א עלעקטריק אין צום
פלאמבינג, אין די׳א ליסטע אויף
הענגען אין די׳א שול אויף די׳א
וואנט . אויך איז אַרים גירעט
גיווארין אזוי ווי׳א דער טערעם
פין חזן אנד שמש גרינבערג
ענדיקט זיך דעם חנוכה
איז באשלאסין גיווארין אז
מען זאל ריפען איין זשענעראל מיטינג צו פאראהאנדלין וועגין דעם ענין

קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים ראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

נעטיה ע׳ יחואל כ׳ץ

# דער אמת׳ער מליץ יושר

ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער האט אמאל
תשעה באב געטראפען אַ איד עסענדיג, זאגט ער
צו איהם; — אודאי האט איהר פאר-געסען אז היינט
איז תשעה באב. ענטפערט אבער דער איד, אז
ער האט עס גראד נים פאגעסען, — אויב אזוי
ווייסט איהר מסתמא נים; אז תשעה באב איז א
תענית. — פרובירט דער צדיק געפינען אויף איהם
אַ זכות, — איך ווייס שוין גאר גוט, — ענטפערט יענער
מיט העזה, — זייט איהר מסתמא אַ שוואכער מענש
און טארט נים פאסטען — זאגט ר׳ לוי יצחק,
— דאס אויך נים — ענטפערט דער יאיד,
דער בערדיטשעווער הויבט דאן אויף די אויגען
צום הימעל און זאגט: — רבונו של עולם,
זעה וואס פאר אַ פיין פאלק די האסט, אפילו אז
אַ איד זינדיגט, וועט ער אבער קיין ליגען נים זאגען,

פרע׳ לעווענזאהן
גבאי יזזואל הערמאן
פיסאצקי טרעזשורער

תרעז״ת
1917
מאנטאג ז׳ ר״ח טבת
January 2.
שנת חמשת אלפים ושש מאות
ושבעים ושבע לבע״ן

קאנגריגיישאן
תפ׳ ירושלים

אזשענעראל מיטינג איז אב גיהאלטין גיווארין אין שול, עס איז פארהאנדילט גיווארין דיא פראגע פין חזן אין שמש, אין נאעך אלאנגע דיבאטע, איז צבי הירש בערקאוויטש גיווארין א שמש פאר אַ יאהר, 100 דאל אין דיא שוהל איז גיפראוועט גיווארין אין חנוכה איין גרויסאטיגער חנוכה פעסט, דיא תלמוד תורה קינדער מיט זייהרע רֶבִּין, האבען איין אײנטייל גינומין אין אינזערע חנוכה פעסט, עס איז גיווען אפערגינען צו זעהן אין הערען וויא קליינע ינגלעך, אין קליינצשיגע מיידעלעך האבין גיזינגען פערשידענע גיזאנגין אלעם פין חנוכה, לעטערס איז ארויס גישיקט גיווארין צו אלע סיט האלדערס פין דער שול, אזוי וויא דיא שול נויטיגט זיך אין גוטע סיטס אזוי וויא עס פאסט פאר א שול, זאל יעדער סיט האלדער קומען אימבידינג אין פערהאנדלין דיא פראגע פין דיא סיטס




## אמיטינג אין שוהל

כ״ג ראש חדש אדר
MArch 17. 1917
ציון

עס איז פארגיקומען ניימינייישאנס אויף אפיסערס, ב׳ טריהוב אלעס פרעזידענט, ב׳ מאקס טריהוב וועלכער האט עקלעהרט דאס נאך זיין אנוועזענט זיין אין דער קאנגריגיישאן פאר דיא צייט פין איהר ערשטער גרינדינג ביז יעצט, קען ער אויף וויטער קיין דירעקטען אמט ניט אנעמען וויל ער מופט ארויס פין דעם געגענט. נאר אבער אין דער זעלבער צייט פארבלייבט ער אלעס א מעמבער אין דער שול מיט צו פרידענהייט צו ארבייטען פאר ווילען בעסטין אין דער קאנגריגיישאן וויפיל עס וועט מעגליך זיין, ארעקאמענדיישען איז גימאכט גיווארין פין ב׳ נעבאק, קאהן מאלקאוויטש מעמבערס פין עקזעקיטוו באָרד דאס מען זאל אויס דריקען דיא אנערקענונג פין דער קאנגריגיישאן צו מ׳ טריהובס טיכטיגע ליינג יאהריגע ארבייט צו גינסטען דיא גרינדינג אונד עקזיסטענץ פין דער קאנגריגשאן מיט אַ האנארא׳ אמט אין דעם סטעף פין דיא קאנגריגיישאן אפיסערס, דיא פראגע פין דיא סיטס צו מען זאל מאכען נאיע סיטס אין שול, איז דער וויל אב גילייגט גיווארין אויף איין אונבישטימטע צייט, דיא תלמוד תורה נויטיג זיך אין אפלאץ וויא זיא זאל קענען לערנען מיט דיא קינדער אז זאל ניט באדארפין וואנדערין מבית לבית, פין הויז צו הויז

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון

# פרעזידענט מאלקאוויטש

גבאי לעווענזאהן
טאָזשע פאסאצקי
סעקרעטער ישראל קאהן

תפארת תרע״ז ירושלים

1917, May 11

כ׳ ראש חדש אייר

# אמיטינג אין שול

איז אב געהאלטין געווארין אין עס האט זיך פערהאנדילט, אזוי ווי דעם עלעקטירישין קומט נאך 300 דאלער, אין ער נויטיג זיך אין געלט, איז ער ווילינג צו נעמען פֿון 200 דאלער הינדערט געלד קעש אין דיא סומע איז געשאפין געווארין דיא פראגע וועגין ב׳ טריהוב. איז ביא דיזען מיטינג פארהאנדילט געווארין, אין נאך פילע מיינינגן: אזוי וויא ב׳ טריהוב איז איינגע מאהל געוועזן פרעזידענט פין דער שוהל - אונד אזוי וויא דאס איז צום ערשטין מאהל אין דער געשיכטה פין דער קאנגריגיישאן צו זיא בעהערט א מעמבער מיט אַ האנארארי אמט, זא איז באשלאסען געווארין מיט אלעמענס איינשטימינג בעהערען דעם ברודער מרדכי טריהוב אלעס האנארארי **פרעזידענט** פין דער קאנגריגיישאן

אויך איז באשלאסען געווארין אז דער סעקרעטער זאל זיין פרייה פין דיוס דיא צייט פין זיין אמט. דיא קאמיטע פין דער שוהל סיק בענעפיט האט באשלאסין אז מען קען ניט עפינען דעם סיק פאנד פריער וויא ביז דעם, ערשטין מייא, 1917. אין אויך עס מיז זיך געפינען אין דיא טרעזשערע פין דעם פאנד ניט ווייניגער, 200, דאלער. דער סעקרעטער באריכטעט אז ביז דעם מונאט מאי וועט זיין דיא סומע געלד אין דיא בענק 200. דאלער אין דער פאנד וועט ווערין געעפינט

זונטאג י״ג ראש חדש סיון
June 3.

דיא בערנגראן קאמיטע באריכט אזוי וויא דיא סעמעטירי קאמיטע פין דיא שוהל האלט אב איהרע מיטינגס צו יעדערע צייט ווען עס איז נויטיג אין צו פארהאנדלין וויכטיגע זאכען, לײדער אבער דיא קאמיטע פין דער פעפיניו סיק בעניפ סעסייטי איז נאכלעסיג צו אטענדין דיזע אלע מיטינגס, לויט דיא ראללס וואס מען האט מיט זיא אב געמאכט, אין אויף ווייטער קען אזא ארבייט ניט אן גיין

ACTING COMMITTEE
FOR SEATS OF THE
JEWISH SYNAGOGUE,
TIFERES JERUSALEM.

ACTING COMMITTEE
FOR SEATS OF THE
JEWISH SYNAGOGUE,
TIFERES JERUSALEM.

דיא סיט קאמיטע באריכטעט אז דיא סיט האלדער זענען קייריג שטיינדיג אין זיירע פעמענס פין זיירע סיטס, אין מען האט שוין ארויס געשיקט גירעזשע לעטערס צו דיא וואס זיינען באהיינט אין זיירע צוהליגען, דיא קאנגריגיישאן נויטיגט זיך זייער אין געלד, נאטיס איז ארויס געשיקט געווארין צו דיא יעניגע וואס זענען אסאך באהיינט אוב זיא ווען ניט גוט מאכין זיירע פעמענס ביז דעם July 3. וועט זיירע סיטס געקאנסילט ווערין

איוף געמינן מעמבערס

איסר סינגערמאן
יעקב שווארץ
נפתלי הערץ קאם

אברהם ראטשטיין

פרעז׳ מאלקאוויטש
גבאי לעווינסאהן

# תפארת ירושלים

## תרע״ז תרע״ח

1917, August, 19,

סעקרעטערי קאהן
טרעזשרער פאסאצקי

## אמיטינג

איז אב גיהאלטין גיווארין אין דער שוהל אין עס איז דאבאטירט גיווארין, צו דיא שוהל
זאל נעמען אויף יומים טובים א חזן אדער בעל תפלה. אין נאעך אלאנגע דיבאטע איז בעשטימט גיווארין
אז מען זאל נעמין אויף יומים טובים אַ בעל תפלה. ב׳ מארקאוויטש אלעס בעל שחרית פרייז 20 דאלער
אין ב׳ שמעון ליב וואליש דער שוחט אלעס בעל מוסף אין בעל קורא אין בעל תוקע פרייז 40, דאלער

## א מיטינג ה׳ ר״ח חשון תרע״ח

שנת חמשת אלפים ושש מאות
ושבעים ושמונה לב״ע

איז אב גיהאלטין גיווארין אין שוהל אין עס איז אב גיגעבין גיווארין אבריכט אז דיא שיל
האט גימאכט איין גוטען סעקסעס, דער עולם איז געוון באגייסטערט פין דיא צווייא
היימישע בעל תפלת, אין דער שוהל האט גיהערשט ארדינינג אין רעספעקט, מ׳ נעבאק
האט באריכטעט אז דער פנקס ועט זיין פארטיג אויף חנוכה.
דער סיק בעניפיט פונד האט זיך אונגיפאנגען, דעם ערשטטין מייא .1917 יעדער איינער
וואס ער איז אין טייטיל צו ניימען בעניפיט, אין פאל קראנקייט מיז דער מעמבער
אונבאדינג זיין קליער אין אלע שולדען צו דער שוהל, שפעשיל אין דיוס

תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

אויך איז גיפאסט גיווארין אז דעם
חנוכה זאל מאכין אינזער יערליכין
יום טוב, אזוי וויא אלע יאהר אין
מען זאל ניט ענדירין דעם מנהג




## אמיטינג אין שוהל

ב׳ מאלקאוויטש דער פרעזידענט
פין דער שוהל. האט אויף גיעפענט דעם מיטינג. אין האט ערקלערט דעם גאנצען עולם
דעם בעדייטינג פין דער היינטיגע שמחה. דער חנוכה פעסט איז גיוועזן דער שענסטער שמחה
פין אלע שמחת פין אגאנץ יאהר
מעמבערס איוף גינימען סעם זעלבסט, הירש סילינג, הילל ארזשאווסקי

תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

# תשעה באב לאכט מען ניט

דער באוואסטער גאליציאנער רבי ר' מאיר'ל
פרעמישלאנער איז אמאל תשעה באב צו קינות
אויסגעקומען צו זיין אין אַ מיתנגדישער שוהל,
און לעבען איהם געזעסען אַ מתנגד און געהאלטען
אין יאמערען ביי די קינות, זיין יאמער איז געווען
אזוי גרויס, אז ר' מאיר'ל, איז פשוט געווארען מבולבל
און קוים געקענט זאגען די קינות, - פרעגט ר' מאיר'ל
זיין וויינעדיגען שכן: — ר' איד, וואס יאמערט איהר
אזוי? - וואס הייסט? - רופט זיך אפ יענער --
היינט איז דאך חרוב געווארען דער בית המקדש
און עס איז צושטערט געווארען דער מזבח און אידען
האבען אויפגעהערט מקריב צו זיין קרבנות? --
ווייסט איהר דען ניט, אז דער בית המדרש, איז
היינט במקום, בית המקדש, דער שלחן ערוך במקום
מזבח, און די תפילות במקום קרבנות? —
פרעגט ר' מאיר'ל צוריק, - - אבער - טענה'ט
דער יאיד — איך בין אַ כהן און די צייטען פון
בית המקדש האט דער כהן געקראגען גאנצע טיילען
פון די קרבנות, און היינט קריג איך גאר ניט, טאַ ווי
אזוי זאל איך ניט קלאגען? --- אויב עס געהט אום
דעם, — רופט זיך אפ ר' מאיר'ל — נאט איך אַפָּער
גילדען, געהט אין יאטקע און קויפט איך, דאס
פלייש וואס איהר ווילט און יאמערט ניט, ! - -
אבער זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארען —
רעדט זיך דער איד אויס דאס הארץ — זאגט די גמרא
האט דאס פלייש פארלארען דעם אמת'ן טעם.
און דער טעם איז ארייַן אין די ביינער, ! ...
— אויב אזוי קויפט זיך ביינער! - זאגט דער פרעמישלאנער
— האב איך אבער קיין צייהן ניט זיי צו גריזשען-
גיט זיך דער איד ניט אונטער, — דאן צו וואס יאמערען
אויפ'ן חורבן, שרייט אויף די צייהן, - ענטפערט
איהם אפ דער פרעמישלאנער,

91

מו

הרע״ח

ר׳ח שבט כ׳ח 1918.

February. 10.

# תפארת ירושלים

פרעזידענט מאלקאוויטש — גבאי לעוועסאהן

אושעֶנראל מיטינג איז אב גיהאלטין אין שוהל אין אוועזענהייט פין אלע מעמבערס, אין עס איז דיסקעטיערט
גיווארין דיא פראגע, וויא נעמט מען איין פאסיגען פלאץ וויא מען זאל קענען לערנען מיט אַ הינדערט אין פיפציג
קינדערעלעך כ׳י אז מען זאל ניט דארפין וואנדערין מיט דיא קליינע קינדער פין הויז צו הויז, דיא פראגע
איז אסאך אַרים גירעט גיווארין, אין עס איז באשלאסין גיווארין אז מען זאל פאריפען איין **מאס מיטינג.**
זונטאג יב׳ אדר פעברעיאר דעם 25. טען דארך הענדבילס אין דער שוהל תפארת ירושלים
אויך איז גירופען גיווארין ביא
לעטערס פין דער סיטע, אסאך
רעדנערס אין פראמינענטע בב׳

(stamp) תפארת ירושלים CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

(stamp) תפארת ירושלים CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

## מאס מיטינג

15 February

**ב׳ה׳** דאס שטעטיל (פאפינוי בלז) איז שוין מיט אלעס צו ביסלעך איינגיארדעט דאס מיינט מיט
קולישע ענינים, אבער ליידער דאס שענסטי אין דאס בעסטי וואס עקסיזטירט ביא דעם
יודשען פאלק, דאס מיינט אפלאץ וויא צו לערנען מיט אינזערע קינדער האבין מיר ניט, אין דאס
עגבערט יעדען איינעם דעם מויח וואס טיט מען מיט אינזערע קליינע קינדערלעך וואס זייא האבין
ניט קיין באשטימטין פלאץ, אין מען זאל ניט באדארפין צו וואנדירען מבית לבית.

**דער מאס מיטינג** איז פארגיקומען דער טשערמאן איז געוועזן דער לויער דזשייקאב דער מיטינג
איז געוועזן דער וויכטיגסטער אין אינטערסאנטסטער פארזאמלינג וואס עס איז ווען פארגיקומען,
עס איז ארים גירעט גיווארין דער גאנצער סיטועשין מיט וואס עס האנדילט זיך. יעדערער איינער
האט גיהאט דאס ווארט, כמעט אלע זענען געוועזן דאפיער אז דא דארף מען האבען איין איגינען בנין
עס איז גימאכט גיווארין אפארשלאג פין ב׳ טאבצשניקאוו אין גישטיצט פין גאנצער מאזשאריטע אז
אבנין זאל גימאכט ווערין פין גאנצין שטעטיל, אין פארען גאנצין שטעטיל. **אין עס איז גלייך**
ערוועלט גיווארין אבילדינגס קומיטע

| | | | |
|---|---|---|---|
| ה׳ קליגמן | י׳ קרעצשמאן | מ׳ טריהב פרעזידענט | מ׳ וויסמאן טראסטי |
| י׳ בראנז | י׳ זאדיטאוסקי | י׳ ביגמאן וויס פרעזידענט | ה׳ זעלצער טראסטי |
| ה׳ ראזענפילד | ד׳ גאלדבערג | ש׳ וויס טרעזשערער | י׳ קאהן קאנטראלער |
| ש׳ קאוושאוו | י׳ הערמאן | ה׳ קליגמאן סעקרעטער | י׳ מאלקאוויטש קאנטראלער |

(stamp) תפארת ירושלים CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

# תפארת ירושלים שנת תרע״ח

אסרו חג של שבועות 1918. May 19.

פרעזידענט נעבאק · סעקרעטער קאהן · גבאי הערמאן · טרעזשורער באגיניצקי

## א מיטינג

איז אב גיהאלטין גיווארין אין שוהל צום ערשטין האט מען באדאנקט ב׳ מר׳ מארקאוויטש פאר זיין פיינעם שחרית דאווענען פסח. אין שבועות. אין אויך האט מען באדאנקט אינזערען אברודער שמעון ליב וואליש דער שוחט פאר זיין מוסף דאוואנען. יעצט אזוי וויא עס האט זיך גיהאנדילט וועגין א בעל קורא. סעלסקי האט גיוואלט ליינען. אין דער שוחט וואליש האט גיוואלט ליינען עס איז גיוועזען ביטווין דיא צווי ש״ינע יודען א מחלקת שלא לשם שמים. האט איינער גיליינט. איז דער צווייטער אוועק פין ליינען. ביז מען האט דיסיידעד אז מען זאל באצוהלין. איז דיא מחלקה גיווארין נאך גרעסער ביטווין זיא ביידע. צום ענדע איז גיווארין. אז משה סעלסקי האט זיך אינטער גינומען צו זיין א בעל קורא אגאנץ יאהר אין א בעל תוקע. פרייז 50 דאלער

תפארת ירושלים · CONGREGATION TIFERES JERUSALEM · ROSSLAND

דער מיטינג כ׳ ר״ח תמוז June 30, דיא קומיטע צו מאכען דעם בנין

דיא אויסדערוועלטי קומיטע פין שטעטיל האבין אב גיהאלטין אמיטינג אין זייא האבין פארהאנדילט, אז דאס ערשטע באדארף מען קויפען אפאסיגען פלאץ פאר דעם בנין אין דיא קומיטע האט באשטימט, אזוי וויא מ׳ ה׳ ראזענפעלד האט צוויא לאטס אין מארקעט סטריט N 1521, קאננער סט. זאטיק סט. אין ער וויל פאר זייא ניט וויניגער וויא 600, דאלער. זאל מען דיא לאטס קויפען. אין דיא קומיטע האט טאכי גיקויפט דעם פלאץ פין ראזענפילד דער פרייז 600, דאלער אויב וויאהל קיין געלד איז פאר דיזען בנין נאך ניט געוועזען, האט מען פארלויפיג אויסגילעגען פין דער סעמעטרי פאנד פין דער שוהל תפארת ירושלים

## א מיטינג אין שוהל

זונטאג ג׳ ר״ח אלול תרע״ח August 11. 1918.

אב גיהאלטין גיווארין אין עס פארהאנדילט גיווארין אז מען זאל ארויס שיקען גירעזשעסטי לעטערס צו דיא סיט האלדערס. צו דיא יעניגע וואס זענען צירק שטייענדיג אין זערע סיטס, אין אויב זייא וועלין ניט גוט מאכין [redacted] זיירע צוהליגען ביז דיא ערשטע סליחות האבין זייא ניט קיין רעכט זיך צו זיצען אויף זערע סיטס אלעס איינגע סיטס. נאר זייה דארפין זיין מיט אלע גלייך עס איז גפאסט גיווארין אז מען זאל ניט נעמען קיין חזן אויף יום טוב

## אַ ליידיגע פאס

דער באוויסטער גאון רבי חיים בריסקער, האט אמאל געמאכט אַ הספד, און דעם עולם האט עס ניט גערירט, זיי האבען גאר נישט געוויינט, רבי, — האט איינער געפרעגט, — איהר וואס אייער כח אין דרוש, און הספדים איז אזוי גרויס, פאר וואס האט דער עולם נישט אויסגעבראָכען אין אַ יְלָלָה? — איהר פארשטעהט — האט געענטפערט רבי חיים, — מיין אויפגאבע איז בלויז אויפצודרעהען דעם קראַן פון פאס, עס זאל ארויס די וואסער. אין פאַל די פאס איז ליידיג, איז עס נישט מיין שולד....

## צעהן פראַצענט,

ר׳ אייזעלע חריף, סלאנימער רב, איז אמאל געקומען אין אַ שטעטדיל, האט מען איהם געפרעגט: — רבי, קענט איהר אונז עקלעהרען וויפיעל, למשל, פראצענט חכמים ס׳איז דא ביים אידישען פאלק? — צעהן פראצענט. — האט ר׳ אייזעלע געענטפערט. — ווייל משה רבנו, האט געזאגט, כ׳האב אויסדערוועהלט בלויז חכמים און זיי געמאכט פאר "שרי עשרות", קומט אויס אויף יעדער צעהן אידען: אַ חכם, ! — האט מען איהם געפרעגט אַ צווייטע פראגע: — וויפיעל פראצענט שוטים איז דא צווישען אידען? — אויך צעהן, — האט ער געענטפערט — אַ פאקט, אז יעדער מנין האט אַ חזן....

95 מח

1918. October 13. 1919.

גבאי
הערמאן

תר"ע"ט חשון ז'
תפארת ירושלים

פרעזידענט
נעבאק

טרעזשע'
פאסאצקי

אמיטינג איז אב ג׳האלטין ג׳ווארין אין שוהל אין עס איז באריכטעט ג׳ווארין אז אין דיא
צוויא שוהלען האבין דיארעדנערס מיט שטארקע באוו״זע ארים ג׳רעט דעם גאנצין סיטועשין
וויא נויטיג עס דא אזא בנין ת״ת דער גאנעער עולם איז שטארק באגייסטערד ג׳ווארין, יעדער
איינער פין גרויס ביז קליין זענען געווען דער פאר אז אזא אינסטיטושין זאל גימאכט ווערין
עס איז ג׳פאסט ג׳ווארין אז דעם חנוכה זאל מען מאכין אשיינעם חנוכה פעסט מען זאל נים
ענדירין דעם מנהג




קאנגרעגיישאן „תפארת ירושלים" דפאפיניז

ווערטהער מר. אונד מרת..........................

איהר זייט געבעטען מיט אייער פאמיליע צום חנוכה-אבענד זונטאג 1-טען דעצעמבער 1918 אום 5 אוהר נ. מ. שארפ אין אונזער שוהל צו פייערען דעם סוף פון ד'ער מלחמה.

דער בעוואוסטער חזן בראמבערג וועט דאוונען מעריב אונד בענטשען חנוכה ליכט.

רעפרעשמענטס וועלען סערווירט ווערען, אונד איינינע רעדנערס וועלען אדרעסירען דעם אבענד

ברגשי כבוד, ישראל כהן, סעק.

מיטינג אין שוהל

1919. January. 5.

דער באוואסטער חזן בראמבערג איז געווען דער יעניגער וואס ער האט אינץ משמח
גימאכט דיא שמחה, מיט פריילכקייט האבין מיר פאבראכט, אויך האט ניט גיפעלט קיין ביסעל
מַשְׁקָה אויך האט מען ניט פארגעסין צו דער מאנען דיא מלחמה ליידענדע אין מיט א פֶענַאנְסֶעלֶע
שטיצע, אבריכט אז מענדיל קאפאלאוויטש אַ אזערנע סייף פאר דיא שוהלם ווענין האט ער גיקופט
דיא שוהל באדארף עם אימקערין וויפיל ער האט גיספענדעט פאר דיא סייף

אמיטינג אין שוהל

נפטר
צבי הירש בר' זלמן דוב
כ"ג ראש חודש שבט תר'ע'ט'
בערקאוויטש
ת'נ'צ'ב'ה'

דער נפטר איז גישטארבין אין שוהל אין מיטען דאווענען

זונטאג כ'ה ר'ח' שבט
זעהר אטרויריגער מיטינג
איז אב גיהאלטין גיווארין אין שוהל...... דאס שטילקייט האט גיהערשט ביא יעדען אויף דיא ליפען
דער פרעזידענט ב' נעבאק האט גיגעבין אקלאפ מיטען האמער, מיט גיבויגענע קעפ אין מיט צובראכינע
הערצער האבין זיך אלע אויף גישטעלט

אויף געוושען אמעבער
העך יהושע גאלדשטיין

## אריכת ימים

עס איז אמאל געקומען עטליכע בעלי־הבתים פון אַ
קליין שטעטעל צו אַ גרויסען גאון און זיך • פאר
איהם געקלאגט, אז עס רעגענט צו לאנג, דאס
ברענגט שאדען פאר די תבואות אויף די פעלדער,
קומענדיג צו מנחה אין בית־המדרש, זעהט ער
ווי עס רעגענט אריין אין בית־המדרש דורך דעם
דאך.... — אצינד, מאכט דער גאון, — ווייס איך שוין
פארוואס דער רעגען דויערט ביי אייך אַ לענגערע
צייט, ווייל די חז״ל זאגען (ברכות, ח׳:) אז מען
באזוכט אין דער פריה, און פארנאכט אין דעם
בית־המדרש איז מען מאריך ימים, און דער רעגען,
זע איך, קומט אין בית־המדרש אריין כסדר
דעריבער האט ער אריכת ימים....

1919 March, 23.

# פרעזידענט נעבאק
# גבאי הערמאן
# אַ מיטינג
# אב גיהאלטין

# שנת תרע״ט
## תפארת ירושלים
זונטאג כא אדר שני

## טרעזשורער פיסאצקי
## סעקרעטער י׳ קאהן
## טראסטיס
זלאטניקאוו
זעלבסט
באגאניצקי

גיווארין אין שוהל אין עס איז גיפאסט גיווארין אז מען זאל אטוויטייזען
פאר אַ שמש. אין אסאך אפליקיישענס זענען אריין גיקומען. אין זלמן דאמבראווסקעס אפליקיישין
צווישין זיי״א. דער שמש מיז אימבאדינג ווינען אין פלאץ. אויך איז גיפאסט גיווארין אז מען
זאל נעמען אויף פסח צום דאווענען דעם חזן בראמבערג, אויך איז באריכטעט אז דער
סיק בענעפיט צולהט אויס דעם בענעפיט צו יעדען וואס ער איז באריכטיג 4. דאלער.
אוואך .8 וואכין כסדר. עס גיפינט זיך .58 מעמבערס אין סיק בעניפיט וואס באלאנגען צו דער שול

# אושעניראל מיטינג איז

**נפטר משה בר׳ נח זלמן**
**אחרון של פסח כב׳ ניסן אלעף**
**תנצב״ה תרע״ט**

איש תם וישר נפטר בן ששים ושמונה שנה

## דער מיטינג
July 13, י״ז תמוז

אב גיהאלטין גיווארין פין דיא צוויי שוהלען. אין דער תפארת ירושלים שוהל אין דיא
אנגילעגענהייטין פין דעם בנין (תת) אין עס איז גיגעבין גיווארין דיא פולע מאכט צו דיא אוים
ערוועלטע קומיטע אז זייא זאלען גלייך זיך נעמען צו דער ארבייט פין דעם בנין (ת׳ת׳)
**זונטאג יד׳ ראש חדש אב** אווגוסט .10 טען **האט זיך גלייך**
אנגיפאנגען דיא ארבייט אין ביז זונטאג צום גדליהו תר״פ .28 סעפטעמבער, זאל שוין זיין גימאכט
דיא פלאהר אין דעם זעלבין טאג. וועלין מיר לייגען דעם ווינקעל שטיין פין דעם בילדינג. אויך איז איין פאר
שטאנען גיווארין אז דער בנין זאל זיין **א תלמוד תורה** אין מיט דעם נאמען **שערי ציון**

זונטאג ה׳ אלול
בייא א מיטינג האט דער פרעזידענט **נעבאק**
עין לעיל דף כ״ט גיגעבין אמיינונג אז מען זאל דעם יאהר צו
נעמען א חזן אויף יום טוב. אין מען האט צו גינימען
אחזן מיט א קליינעם קוויער פרייז 150. דאלער

**נפטר הרב יהודה ליב בר׳ אברהם**
**כ׳ ראש חדש מנחם אב תרע״ט**
**העללער תנצב״ה**

[redacted]
זעה דעם .
זייט כ״ט

סעפטעמבער 28טען, 1919

ווערטהער הערר:-

איהר זענט העפליך געלאדען אנוועזענד צו זיין
ביים לייגען דעם ווינקעל שטיין פון דער
"שערי ציון" תלמוד תורה בילדינג.
וועלכעס וועט שטאטפינדען
זונטאג דעם 28טען סעפטעמבער 1919
אום 2 אוהר נ.מ.
אין 1521 מארקעט, קאננער סט. זאטיק סט.
( פאפיניו )

פאלגענדע פראמינענטע רעדנער וועלען אדרעסירען
רבי הירש כהן יו"ר לועד החנוך
רעוו. דר. ה. אבראמאוויטש
רבי יודיל ראזענבערג
רעוו. יוסף מארגאלית
ס. וו. דושייקאבס ק.ס, מ.פ.
פיטער בערקאוויטש ק.ס. מ.פ.פ.
אלדערמאן לואיס רובענשטיין
אלדערמאן לייאן וו. דושייקאבס ב.ס.ל.

בברכת ציון ושנת גאולה
די פעראייניגטע תלמודי תורה אף מאנטרעאל

עס איז גיפאסט געווארן אז די בילדינגס קומיטע זאל מאכען אנלאדינגס לעטערס און צו שיקען צ
וואס עס איז נויטיג. אין ספעשיל אין דער סיטע. וועלכעס וועט שטאטפינדען זונטאג ד׳ תשרי
זונטאג די ערשטע סליחות. דער גבאי הייסט ווארטען דעם חזן מיט די סליחות. אויף דעם
פרעזידענט **יוסף הלוי נעבאק** דער שמש איז גלייך גיגאנגען ריפען עס. זיין ענטפער
איז געווען אז ב׳ נעבאק איז ניט גיזונט. מאנטאג ווערט ער גינומען אין האספאטיל

ראש השנה אין שוהל.
בייא דעם דאווענען. יעדעם
אלמענס בליקען זענען גיווענדעט
צו דעם פלאץ וואס באלאנגט
צו מ׳ נעבאק. יעדער איינער

**תרפ׳ 1919,**

**תפארת ירושלים**

זונטאג צום גדליהו ד׳ תשרי
אגראסער עולם איז זיך צוזאמענ
גיקומען. איינער האט אב גיקויפט
צו לייגען דעם ווינקעל שטיין פאר 200 דאלער
עס איז באשפין גלייך אסומע פון 1600 דאלער

וויל וויסען וואס דער חולה מאכט. נאך דעם דאווענען. ווינשט יעדערער איינער ארפואה שלמה שנה ט׳

---

דינסטאג ו׳ **תשרי** באלט אין דער פריה אין דראסען איז שיין. אין די זון פאנגט ארויס צו קומען.
כדייה זיא זאל בעשיינען און בילייכטען די גאנצע וועלט. אבער ליידער דא. אין דער יודעשער
סביבה. האט זיך אטינקעלע וואלקין פאר צויגען. מיט א פינסטירע בשורה האט מען אינז אן גיזאגט
אז ר׳ יוסף הלוי. איז שוין ניט צווישען די לעבידיגע. מען קען מיט די פען ניט אזוי פיל ארויס
שרייבען וואס פאר א טרהררקייט עס איז געווען אין שטעטיל. מיט גיבוינע קעפ האבין מיר אלע עס
באלייט צו זיין אייביגע רוה

פ׳ לוי נ׳

לוי · יוסף

איש תם הישר שהלך בדרכי
ד׳ שעוסקי בצרכי צבור באמונה
וגמילות חסדים **נפטר**
ו׳ לחדש תשרי שנת תרפ׳
יוסף אפרים ב״ר מאיר ברוך
הלוי (סעפטעמבער 30טען 1919.)
**תנצב״ה**



1919, November 9. 1920,

# ראש שוהל

גבאי לעווינסאהן
טרעז׳ וויטענבערג

תפארת ירושלים
שנת תר״פ לפ״ק

פר׳ קאוושאוו
סעקט׳ הערץ קאם
אמיטינג

זונטאג ט״ז לחדש חשוון, שנת חמשת אלפים ושש מאות ושמונים לב״ע

איז אב גיהאלטין ניווארין אין שוהל דער נאיער פרעזידענט ב׳ קאוושאוו האט גגעבין אשטיקעל איבער
בליק פין דעם נפטר וואס פאר אַ כלל טוער ער איז גיוועזן, דיא (שוהל) האט פארלוירען איינעם פין דיא
בעסטי טוערס פין דער שוהל, אין פין ת״ת. אין מיר אללע באדארין זיין טויט אפאר לוסט פין דער משפחה
אפאערשלאג פין ב׳ טריהוב אז אללע גיוועזינע אפיסערס, פרעזידענט, אין גבאי. אין טרעזשערער
זאלען קריגען דעם טיטול X, עקס. אין זייא דארפין זיין אויפין פלאץ וויא וויכטיגע בארעטיגען
טערין פארהאנדילט פין דער שוהל, אויך איז גיפאסט גיווארין אז מען זאל פיקסען דיא סייף מיט אַ
קאמביניישאן אין עס זאל פארטיג אויף חנוכה. ב׳ קאפילאוויטש, אין שעפטער אין דער קומיטע פין סייף

# א מיטינג אין שוהל

December 6 1919,
י״ד ר״ח כסליו תר״פ

אב גיהאלטין גיווארין אין עס איז
גיפאסט גיווארין, אז מען זאל דעם חנוכה ניט ענדירען דעם מינהג פין צו מאכין א יארס פעסט
אים חנוכה. אין אויך יעדער מעמבער זאל ווערין איין גישריבין זיין נאמען אין **פנקס**
בייא דעם יארס פעסט **חנוכה** אויך איז גיפאסט גיווארין אז מען זאל אויף חנוכה ניט נעמין קיין
חזן, אויך איז גיפאסט גיווארין אז דיא (אין) שוהל זאל ווערין אב גיהאלטין פראטעסט מיטינג
פין דיא פאגראמען אין אוקריינע דעם 24. טען (דצעמבער) (נאוועמבער) ב׳ קאפילאוויטש באריכטעט אז (ער) האט
גימאכט איין אגרימענט מיט אַ קאמפאניע צו פיקסען דיא סייף פרייז 30, דאלער
אקומיטע פין אוקריינער פארבאנד אז מען זאל געבין דיא שוהל צו מאכין איין הינגער אָבֶנְט
מען האט זייא באוויליגט אויף דעם 14. דצעמבער, אויך איז גיפאסט גיווארין אז דעם יארעס פעסט
זאל אדארך גיפירט ווערין א טראפף אָבִנְט אין מען זאל מאכין אפראטעסט קעגין דיא פאגראמען וואס
עס איז גימאכט גיווארין אין דעם פינסטירען אקריינע, אויך איז גיפאסט גיווארין אז יעדערער
זאל זיך אליין איין שרייבין מיט זיין אייגינע האנד זיין נאמען אין **פנקס**

נפטר בן ציון יצחק בר׳ משה הכהן
כ״א כסליו תר״פ ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳ קאהן

תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
צ״ח
ROSSLAND

יחואל הערמאן

וויטענב׳עג
טרעזשע׳

גבאי
לעוונסאהן

תרפ לק

1920. זונטאג י׳ג טבת
January 3.

סעקרעטער קאוושאוו
קאם
פרעזידענט

# א מיטינג

איז אב גיהאלטין געווארין אין שוהל, אין אבעריכט איז אב גיגעבין געווארין. אז עס איז אדארף גיפירט גימארין
דעם 12 טען יערליכין חנוכה יובעלייאים , מיט דעם וואס מען האט צום ערעשטין מאהל אין דער געשיכטה
אפגעפענט דעם פינקס אין אללע אוועזענדע מעמבערס האבין זיך אליין מיט אייגינע האנד איין
גישריבין דעם נאמען. אין היסטאריעשין פנקס אין יעדער עיינער האט בייא גישטאערט
וויפיל ער האט גיקענט בייא דעם אריין שרייבין דעם נאמען אין פנקס אויך איז באריכטעט אז דיא
תלמוד תורה האלט זיך אין דער ארבייט מען פראמיסט, אז אויף פסח וועט דיא ת׳ת זיין פארטיג

איך גינומען א מעמבער יוסף פינסקי
איך גינומען א מעמבער ישראל נוחם זילבערשטיין

# אזשעניראל מיטינג אין שוהל

שבט כ׳
February 15, 1920.

עס האט זיך גיהאנדילט וועגין צו מאכין נאיע סיטס, אזוי וויא דיא סיטס זענען פין אלטע טשערס
ציבראכינע אין פין אלטע בענק, וואס דאס ברענגט מעהר שאדין וויא נוצען, איז גיפאסט געווארין
אז מען זאל מאכין נאיע סיטס עס איז אויס ערוועלט געווארין אקומיטע, נאעך צו זיכען אין דיא
פלעצער וויא עס גיפינט זיך סיטס אין ארופ נעמען א סאמפילען אין זייא ברענגען צום מיטינג.
עס איז ארים גירעט געווארין אז מען א׳ ראשחדש ניסן
זאל מאכין אין שוהל א מערמיל MArch 20,
שטיין. אין אללע ניפטורים זאלען ווערין פאר שריבען אויף דעם מערמיל שטיין
אויך איז פערהאנדילט געווארין וועלכער נפטר זאל שטיין דער ערשטער אויף דעם שטיין
איז באשלאסין געווארין אז נעבאק דער געוועזינער ברודער זאל זיין נאמען, זיין דער ערשטער
אויס גיקריצט אויף דעם מערמיל שטיין, אויך איז באשלאסין געווארין אז דיא צערמאני פין אויף
דעקען דעם שטיין זאל פאר קומען כ׳ג׳ ראש חדש ניסן זונטאג אסרו חג פין פסח April 11.
אבריכט פין דיא בילדינגס קומיטע פין דער תלמוד תורה אז דער בנין איז שוין פארטיג אינטער
אלע אימשטענדען מיז דער אפפינינג פאר קומען דעם 1. מייא יד׳ ראש חדש אייר תר׳פ׳

נג

1920.

פרעזידענט קאוושאוו
גבאי לעווינסאהן
א מיטינג אין שוהל

תרפ
כט ניסן
April 17
קאנגריגיישאן · תפארת ירושלים

טרעז׳ וויטענבערג
סעקרעטער הערץ. קאם
טראסטיס זאדינאוווסקי
גאלדבערג יאכניקאוו

עס איז באריכטעט אז עס איז דורך געפירט געווארין דיא צערמאני פין אויפדעקין
דעם מערמיל שטיין, ב׳ טרוהוב האט גיהאלטין א פראכטפילע רעדע וואס עס איז געווען אדארך
גיפלאכטין מיט טְרָאעֶר, אין מיט פרייד. ב׳׳ קאהן האט אויך גיהאלטין אשענע רעדע אין ער האט
אגיוויזען דיא באדייטינג אין נויטווענדיקעט אין דיא אויפגאבע פין שטיין, אין זיין רעדע האט ארויס
גיבראכט בייא יעדין טרערין אין דיא אויגען ב׳ י קאהן האט אויך ניט פאר געסען צו דער מאנען
דיא נויטווענדיקייט פין דער סעמיטירי. אין ער האט גיזוגט אז דיא געלט וואס עס וועט קעלקטעט
ווערין פין דעם אפינינג פין שטיין. זאל דאס געלט באלאנגען צו דער סעמיטירי, דאנעשינס 50 דאלער, 100 דאלער 150
לעטערס זיינען ארויס גישקט געווארין אויף דעם מייא 1 טען

דיא היברו סקול אויף שערי ציון אינסטיטוט

תלמוד תורה שערי ציון
דבית הכנסת תפארת ירושלים



תפארת ירושלים CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

ווערטהער הערר : דיא בילדינגס קאמיטע פין דער תלמוד תורה שערי ציון (אף פאפיניו) נעמט זיך דיא הערע
אייך מיט צוטהיילען דאס די ארבייט פין דעם בנין וועלכער וועט יעצט געבויעט גיהט אהן גלנצענד און
מוז אינטער אלע אומשטענדען זיין פערטיג דעם קומענדען 1 טען מייא ווייל די 120 קינדער אהן ע׳ה וועלכע
מיר האבען אין דער ת״ת, האבען ניט קיין פלאץ וואו צו לערנען פין דעם 1 טען מייא, 1920, אין אזוי ווי די קליינע
קהילה פין פאפינוי האט געטוהן אלעס מעגליכעס, ארבייטענדיג זייהר שווער אין אויך גיגעבען סוממען געלד מעהר
ווי זיי זיינען אומשטאנד געוועהן צו געבען צו בויען דיזען נאציאנאלען בנין וועלכער וועט זיכער זיין אַ שטאלץ פאר
דיא מאנטרעאלער יודענטום ווען ער וועט זיין צו ענדע. און אזוי וויא עס פאדערט זיך נאך אַ גרויסע סומע געלט אום
צו ברענגען דיזע איסטיטושיאן און א צושטאנד וויא עס זאל מעגליך זיין צי לערנען מיט די קינדער. דערום
ווענדען מיר זיך צו אייך מיט איין אפיעל אינז העלפען וויא ווייט מעגליך אין אינזער נאבעלע אונטערנעמונג און
דער מיט קריגען די דאנקבארקייט פין דיא פילע קינדערליך וועלכע ווילען קריגען אַ אידישע נאציאנאלע הערציהונג
מיר האפען אז איהר וועט ריכטיג בעגרייפען וויא שטארק מיר נויטיגען זיך אין אייער פינאנציעלע שטיצע

אכטונגספאל די בילדינגס קאמיטע

(זעה דעם נומער מו׳ פעהטש)

107

סעקרעטער גאלדבערג
טרעזש' מרדכי ווייס
זאדינאווסקי ... טראסטי
סילינג יאכניקאוו ...

קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים לפק תרפ

1920, May 16 טען

פרעזיד' מאלקאוויטש
גבאי זעלבסט

כח' ראש חדש אייר

# א מיטינג אין שוהל

אב געהאלטין געווארין עס איז באריכטעט געווארין פין סיט קאמיטע. צו מאכען
די נאיע סיטס, דער באריכט איז געוועזן אז דייא האבין אויס געפינען אין אשיינעס סאמפיל, וואס עס
זאל זיין פאסיג פאר דיא שוהל. דעם סאמפיל האט דער מיטינג עקסעפטעט. אין דיא קאמיטע
דארף אהן גיין מיט איהרע ארבייט, דיא קאמיטע פין דיא סיטס, טארקעניץ קאוושאוו הערמאן
צום נעקסטין דזשענעראל מיטינג דארפין זייא ברענגען אראפארט דיים פרייז וויפיל דיא סיטס דארפין קאסטין

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

# אמיטינג אין שוהל

כה' ר"חדש תמוז

July 11, 1920.

עס איז פערהאנדילט געווארין וועגין דעם מארטגעידזש פין דער שוהל, דיא מאדזשאריטי
איז געוועזן, אז מען זאל זעהן וויא וויט מעגליך, אז דיא שוהל זאל זיין אבגעצוהאלטע. אין
יעדער איינער מיז זיך אהן שטרענגען מיט אלע כחות אז דיא שיהל זאל ניט זיין פאר משכינט
אפארשלאג אז מען זאל ריפען אזשענעראל מיטינג אין אלע מעמבערס מיזען אימבאדינג זיין
בייא דעם מיטינג.)

כד' אב
August, 8 טען

# א בעריכט פין --- דער תלמוד תורה

דער אפינינג פין דער תלמוד תורה וואס עס איז פארגעקומען אין 1. טען מייא איז אדורך געפירט געווארין
מיט גרויס פערעד אלע רבונים אין אלע חשובתה אין אלע פראמענטנע לייט, זענען געוועזן איין
געלאדען. אין עס האט אויך ניט געפעלט קיין ספיטשעס. עס איז געוועזן זעהר א סעקסעס פאר דער
בעניפיט פאר דער ת"ת, רבי קאהן האט געפראמעסט שטיצע פין דער שטאעט, פאר אינזערע תלמוד תורה
(באמעקינג) אז קיין ביסעל משקה האט ניט געפעלט דער גאצער עולם האט זיך משמח געוועזן וואס אזא
הויפילע מענשין פין פעפינו האבין אין אזא קארצע צייט פאגראסירט
עס איז געפאסט געווארין אז מען זאל אויף יומים טובים דינגען אחזן, בעל שחרית צבי יעקב מארקאוויטש

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

נעשה ע"י יחואל כץ הערמאן

# פארביטענע "יוצרות„

און אַ. היימיש שטעטעל זיינען פארגעקומען ! גרויסע מחלוקת, — קודם כָל האבען זיך די בעלי בתים ארומגעריסען, איבער דעם וואס ווען מען פלעגט שעכטען אַן אקס אויף שבת. האט יעדער געוואלט דעם בעסטען חלק פון אקס. און אזוי ווי דאס האט ניט געקלעקט פאר אלימען איז מען דעם קצב דערגאנגען די יאהרען.

— דאן האט מען זיך ארומגעריסען איבער "שישי„. אלע האבען געוואלט די דאזיגע "פעטע" עליה. —

— צו דעם איז צוגעקומען אַ מחלוקה איבער דעם וואס יעדער האט געוואלט זיצען אין מזרח,

— האט דער רב געזעהן, אז עס איז שלעכט, האט ער געהייסען דעם שמש אויסרופען, אז עס איז ניטא איבער וואס זיך ארומצורייסען, ווייל דער גאנצער אקס איז גוט, — די גאנצע תורה איז "ששי„, און דער גאנצער בית המדרש איז מזרח,

— האט דער שמש פארביטען די יוצרות. און אויסרופענדיג, בשם הרב, האט ער אזוי געזאגט: די גאנצע תורה איז גוט, די גאנצע שוהל איז ששי, און דער גאנצער מזרח איז אָקס,

**1920. — 1921.**

# שנת תרפ״א ל׳

שנת חמשת אלפים ושש מאות ושמונים ואחת

| גבאי זעלבסט | זונטאג יט׳ ר״ח חשוון | פרעזידענט |
|---|---|---|
| סעקרעטער גאלדבערג | October 31. | מאלקאוויטש |
| טרעזש׳ מרדכי ווייס | | |

אין דעם יאהר 1920, נאך דער וועלט קריעג האט זיך געגרינדעט, איין סענטראל רעליף קומיטע
פאר די אידישע מלחמה ליידענדע, איבער דער גאנצער וועלט, האט די רעליף קאמיטטע גיהאט
איהרע אפטהעילינגען פאר זאמלען געלד, אבער די גרעסטע הילפס ארבייט פין געלד זאמלען
איז בעשטאנען אין אמעריקא, אויך אין קאנאדע, וויל אין דיזע .2. לענדער האט מען פין דער
מלחמה גאר וועניג גיליטען, פארקעהרט, די .2. לענדער האבען גיהאט גרויסע פראספעריטי.
וויל פין דאנען האט מען גיפירט אללע מלחמה מאטעריאלען, אין פראדוקטען אין מענשען
האבען גיהאט פרנסה ברווח, זעלבסט פארשטענדליך אז די גרעסטע ארבייט פין דער סענטראל
קאמיטע איז געווען אין די צוויי לענדער, פאר קאנאדע איז דער הויפט קאמטע געוועזין
אין מאנטרעיאל, די הויפט לידערס איז בעשטאנען פין מאנטרעאלער בעוויסטע אידען, נעמליך
א׳ קופער פרעזידענט, מנשה לאוואט טרעזשורער, אין ס׳ גוטמאן סעקרעטאר, מען האט
אפעלירט צו אללע ארגאניזאציעס אז מען זאל העלפען מיט געלד, ספעשיעל אין די ימים נוראים,
אויך האט די קומטע זיך גיווענדעט צו אונז אין שוהל נאך הילף, אין בא מיטינג פין שוהל האט מען צו גיזאגט
דער קאמיטע צו טוהען דאס בעסט וואס עס וועט נאר זיין אין אינזער מעגליכקייט, אין מען האט
גיהאלטען ווארט, אים יום כפור האט אינזער האנארייבעל פרעזידענט **מאקס טריהוב** גיהאלטען
ארעדע מיט איין הארץ רייסענדען-אפיל פאר די אידישע מלחמה ליידענדע, פאר **הזכרת נשמות**
אללע אנוועזענדע אין שוהל האבען **מנדר** גיווען, סיי מענער, סיי פרויען, באלד נאך יום כפור
האט מען די געלד קאלעקטעט. די גאנצע איינאהממע פין דעם אפיעל, פין אינזער שוהל האט בעטראפען
155.70¢ דאלער, אויף וועלכען עס איז צו באשטעטיגן מיט איין אפישעל רעסיט פין סענטראל
אינטער גישריבען **אקטאבער** דעם 15טען, 1920, ערהאלטען
אין נאמען קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים פין מאקס טריהוב
אין שמואל קאוושאוו פרעזידענט, מיט איין גרויסען דאנק
צו אללע **מנדבים**

No. 4834 Official Receipt Phone East 2477
CENTRAL JEWISH RELIEF COMMITTEE
in aid of the War Sufferers
663 ST. LAWRENCE BLVD.
סענטראל אידישע רעליעף קאמיטע פאר די מלחמה ליידענדע
Montreal, Oct 15th 1920
M Tiferes Jerusalem Cong of [illegible]
Dear Sir:
We beg to acknowledge with thanks receipt of $155.70
One Hundred Fifty Five 70/100 Dollars as a donation collected in Yomim Neroim
for the war sufferers.
Sincerely yours, A. COOPER
MONASHE LAVUT, Treasurer.
S. Gutman Fin. Sec.

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND — תפארת ירושלים

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND — תפארת ירושלים

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

פרעזידענט
מאלקאוויטש
גבאי זעלבסט

ווייס
טרעזשער

# תפארת ירושלים

תרפ"א ק

1921,
JAunAy. 2.

כ"ג טבת

גאלדבערג
סעקרעטער

א מיטינג אין שוהל דיא הויפט פין דעם מיטינג האט זיך גיהאנדילט. דיא פראגע וועגין צו סעטלען דעם מארטגעדזש פין דער קאנגריגיישאן. וועלכער איז אינגאנצען בעשטאנען פין צוויי טאזענד טאלער, 2000
אין איין קאמיטע איז גלייך געשאפען גיווארין אים צו שאפען דיא געלד מיט פאלגענדע מעמבערס נעמליך: ישראל כאהן, יחואל הערמאן, מרדכי טריהוב. אין אזוי וויא [redacted] (קאמיטע) דיא סיט וואס איז בעשטאנען פין טריהוב. אין מאלקאוויטש. אין נעבאק. האבען פארמאגט אין יענער צייט 900, דאלער אין דיא בענק. האבען זיי גיגעבען דיא 900, טאלער. אין דיא שוהל האט אויך גיהאט אין דיא בענק 620.00 זעקס הינדערט מיט 20. דאלער האבען עיניגע מעמבערס אויסגיליען דיא סומע פין 550. דאלער. 70 עקספענסעס, צו באצולען דעם מארטגעדזש מיט אינטערס פאר 6, מאנאטען 2070.

900.
600. 20
500 50
2000 70

גינומען דעם מארטגעדזש אין יאהר 1911, April 4. טען

פאלגענדע פערזאנען האבען אויס גיליען דיא סומע 500 ~70

| | |
|---|---|
| הערמאן | 100 |
| טריהוב | 100 |
| שעפטער | 100 |
| יוסף בראנז | 50 |
| זלאטניקאוו | 50 |
| מאלקאוויטש | 25. |
| באגאניצקי | 25 |
| זעלצער | 25 |
| גרעליק | 25 |
| י' קאהן | 25 |
| ווייסמאן | 25 |
| | 500 50. |

באצוהלט דעם מארטגעדזש האט מען אין יאהר 1921, דעם 15, טען March דינסטאג ה' ראש חודש אדר שני תרפ"א

אין דיא שוהל קאנגריגיישאן **תפארת ירושלים** איז גיבליבען קליער אהן קיין מארטגעדזש, דיא געלט וואס מען האט אויס גיליען פין דיא מעמבערס האט מען גאר אין איין קארצער צייט באצאהלט אלעמען, עס פערשטעהט זיך אז קיינער האט ניט גיוואלט נעמען קיין פראצענט פאר זיין געלד

יום טוב, ברוך שפטרני מן המרטגעדז
ציון
זינטאג י"ז אדר שני

זונטאג MArch 27.

אפריליכער מיטינג איז גיהאלטין גיווארין וואס מען איז פטור גיווארין פין א גרויסע צרה פארשטעהט זיך אז דער עולם האט גיטרינקען לחיים

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

## פון איהם איז קיין ראיה ניט

אויף דעם בריסקער רב . האט זיך אמאל אויפגעטראפען
ביי אַ ברית מילה, מיט ר' יאסעלע שלאמזיר. חזן,
נעמענדיג אביסעל בראנפען, און ווערענדיג בגילופינ'דיג.
האט דער חזן אַ פרעג געטאן, דעם רב:— רבי, איך
וואלט וועלען וויסען פאר וואס האלט די וועלט אז
אַ חזן איז אַ נאַר, — אט אַ שטייגער איך, אֶמֶת טאקע,
איך האלט זיך ניט פאר קיין חָכם, אבער דאך וועט
יעדער מודה זיין, אז איך בין נארישער פון וועלכען
עס איז בעל־הבית, — פון איך איז קיין באוויז
ניט, — האט דער רב געענטפערט — —
״ אין מביאין ראיה מן השוטים״.

## אַ איד דארף זיין באווארענט מיט'ן דאווענען

אויף רבי שמואל סאלאנטער דערצעהלט מען, אז
געהענדיג מיט'ן טלית און תפילין אַ געוויסען
טאג אין שוהל דאווענען, האט איהם אנגעגעגנט
אַ שטאָדטישער אפיקורס, וועלכער איז זיך
געגאנגען צו זיין געשעפט, זאגט צו איהם דער רב:
— איהר האט שוין אוודאי געדאווענט!
— ניין. — זאגט יענער דרייסט, — איך האלט ניט, אז
מען דארף דאווענען אלע טאג, און אויב איהר ווילט
דער צו אַ ראיה. אט האט איהר עס:— מען זאגט אין
דאווענען ״ותתנו היום ובכל יום״, צו וואס דעם —
״ובכל יום״ אויב מען דאווענט אלע טאג? איז פון
דעם געדרונגען, אז בעטענדיג איין טאג — בעט מען
שוין אויף אַסך טעג, עס הייסט, אז מען דאווענט נאר
איינמאל אין אַסך טעג, אבער ניט אלע טאג. —
— הערדט איהם אויס דער רב און זאגט: איהר מאכט
אַ טעות, עס וואלט טאקי געווען גענוג צו זאגען
״ותתנו היום,״ אבער ווי איז אז מען געגענט אָן אַ
״פגע רע״ פאר דעם דאווענען? באווארענט מען
זיך געגען מיט דעם ״ובכל יום.״

נז 13

גבאי הערמאן פרעזידענט

# פרעזידענט

טעות מיסטייק

# מאלקאוויטש

שנת תרפב לפ״ק 1921. 1922.

# כפר זעלבסט

סעקריטער גאלדבערג

מרכי ווייסמאן טרעזשורער

## קאנגריגיישאן תפארת ירושלים

דזשענעראל מיטינג איז אב געהאלטען געווארען אין שוהל. און עס איז בעריכטעט געווארען אז דיא שהול האט געמאכט דעם ערב יום כפור איין גוטען סעקסעס. עס איז געוועזן אקלעקשין אסוממע פין 900. דאלער 70

און אינזערער פריהערדיגער היסטארישער בעשרייבינג פין דער **תלמוד תורה**

איז נויטיג זיך צו באקאנען מיט דיא פערזאהנען, וואס דיא **ת״ת** איז געוועהן אין זייער [**רשות**]

דאס מיינט אויף זייערע נעמהן פין דיא 5. מענשען וואס זעהנען ערוועלט געווארען פין דיא צווייא **שוהלען**

**תפארת ירושלים** און **חברים כל ישראל** נעמליך. טריהוב, מאלקאוויטש, קליגמאן, נייבאך, בראנז.

און אזוי וויא עס איז ניט געוועזן גענוג דיא סוממע געלט אן צו גיין מיט דער ארבייט פין דער ת״ת. ווייל מען האט גידארפט האבען דיא סוממע פין 3000. דאלער, איז מיט דעם צו שטימינג פין דער גאנצער קהלה

אז מען זאל נעמען אַ מארגעדזש אויף דער ת״ת מ׳ בראנז 2,500. דאלער און מ׳ ווייסמאן 500. דאלער

האבען געגעבען דיא געלט אַ מארגעדזש אויף ת״ת. און אַ צייט ווען עס זאל ווערין באצאהלט. דאס איז

געוועזן אין יאהר תרפ״ט כ׳ סיון 6. June 1919.

# אמיטינג אין שוהל

תרפב״ כסליו יז׳ זונטאג פ׳ וישב

עס איז גיפאסט געווארען אז דיא שוהל זאל דיזען חנוכה פראוועו אַ שמחה לכבוד

**חנוכה** אזוי וויא אללע יאהר ניט ענדירען דעם מנהג. און מיט אללע קינדער פין דער **תלמוד תורה**

תרפב 1922, כב׳ טבת Jan 22

דער **חנוכה** שמחה איז געוועזן זייהר אין בעסטין ארדענינג

די סערמאניע פין אן צינדען דיא חנוכה ליכט איז גיפראוועט געווארין פין דיא תלמידים

פין דער תלמוד תורה, דיא ראבייעס פין דער ת״ת האבען געהאלטין זייער שיינע דרושת פאר דיא קינדער.

און עס איז אויס גיטיילט גוטע זיסע זאכען צו אללע קינדער. דער חנוכה פעסט איז אן געגאנגען אין בעסטין

ארדינינג. עס האט ניט גיפעלט קיין גוטע רעדנערס װאס האבען ערקלערט דיא בידייטונג פין חנוכה

בייא גידעקטע טישען מיט פערשידענע מאכולים. אויך האט ניט גיפעלט קיין משקה דער גאנצער

עולם האט פיין פאבראכט מיט גיזאנג און מען האט זיך געווינשען לשנה הבא **בירושלים**

# תפארת ירושלים

## שנת תרפ"ב

ציון

פרעזידענט
ש' זעלבסט

ווייס פ'ר' אין גבאי
יחזקאל כ"ץ הערמאן

זונטאג י"ד שבט January 12, 1922.

אדזשענעראל מיטינג איז גיהאלטען געווארען אין שוהל. דער סעקרעטער האט באריכטעט אז עס איז אריין
גיקומען אַ נאטעס לעטער פין דיא מאגדזשירעס פין דער ת"ת אז זייא ווילען האבען דיא געלט, דיא אַ 3000.
אַ קאנפערענץ איז גירופען געווארען צו שאפען דיא סוממע געלט. אבער לײדער האט קיינער ניט גיוואלט געבען
קיין מאגידזש אויף דער ת"ת בילדינג, עס האט זיך גיהאנדילט אז דיא צווייא שוהלען, תפארת ירושלים
אין, חברים כל ישראל זאלען איבער דעם מאגידזש פין דער ת"ת. אבער לײדער האט דיא שוהל, חברים
כל ישראל זיך אנטזאגט פין דער ת"ת, דיא ת"ת האט גיזאלט גיין אויף שעריף אויף סייל
דיא שוהל תפארת ירושלים האט זיך **מקריב** געווען אין האט פאר מאגידזש דיא שוהל. אין
מען האט דיא **תלמוד תורה** אויס גיקויפט פין שעריפס אויף סעיל דיא סומע פין . דאלער 3000
דער מארגידזש איז גינימען געווארען **תרפ"ב** ו' **ראש חודש אדר** מאנטאג פ' תצוה 1922, March 6,
דיא ווייסע שוהל האט זיך אנטזאגט פין דיא קלענסטע פליכטען וואס אנבאלאנגט צו דער ת"ת

תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

# אמיטינג אין שוהל

כ' פ' מטות מסעי תמוז July 16. 1922.

תפארת ציון ירושלים

אבריכט איז אריין גיבראכט געווארען פין סעקרעטער ד' גאלדבערג, אז דער מאגידזשרער מ' בראנז
האט באקומען דיא 3000, דאלער, אין **תרפ"ב** ט"ז **ראש חודש תמוז** מיטוואך פ' פנחס July, 12.
דיא ת"ת גייט אן אין בעסטין ארדינינג, דיא פאר אייניקטע ת"ת האבען גישקט אהער דיא מלמדים וואס
עס האט זיך גיפאדערט אויף איז גיפאסט געווארען אז דיא שוהל זאל דינגען א גוטען חזן מיט א קווייער
אויף ספעשיל **ראש השנה** אין **יום כפור**

איש תם וישר שהלך בדרכי ד'
מרדכי ב"ר שמעון שעפטער תנצב"ה
נפטר יום א' ר"ח שבט תרפ"ב 1922, January 30.